יידיש. זי איז געווען בײַ פּרצן (אין זײַנע חסידישע און פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. זי ציטערט ציטערדיק און שטיל אין נאָמבערגס דערציילונגען. אָבער אַש האָט אין דער לירישער פּראָזע אַרײַנגעבראַכט עפּעס גאָר אַ באַזונדער חן, אַ באַזונדער פּאָעטישקייט. אַשס פּראָזע אין שטעטל און אין אַנדערע יוגנטווערק, איז פּאָעזיע אין פּראָזע. עס איז דאָ אין איר ניט נאָר ווייכקייט און לירישקייט און חן; עס איז דאָ אין איר די געהויבנקייט, די באַפֿליגלטקייט פֿון אַ ליד. מיר ווערן פֿאַרכאַפּט פֿון דער לעבעדיקער קראַפֿט, פֿון דער מוזיק, וואָס איז דאָ אין איר אַלגעמיינעם ריטמישן שטראָם, און מיר פֿאַרגעסן אין די פּרטים, און אונדז אַרט ניט, וואָס זיי זײַנען אָפֿט ניט גענוג געפֿײַלט, ניט גענוג געשליפֿן...

אַשס ברייטער און לאַנגער וועג איז דער וועג, וואָס פֿירט פֿון ליריזם צו עפּאָס, פֿון „מאָלערישער אומאָרדענונג" צו בוי־מײַסטערשאַפֿט. אָבער אַפֿילו די סאַמע עפּישע ווערק זײַנע האָבן אין זיך מאָמענטן פֿון ליריזם. אַש איז אַ ליריש־עפּישער שריפֿטשטעלער. ער איז אי ראָמאַנטיש, אי רעאַליסטיש. פֿאַר איין סטיל, פֿאַר איין ריכטונג, פֿאַר איין פֿאָרמולע איז ער צו פֿרײַ, צו ברייט, צו בייגעוודיק און צו רײַך.

שלמה ביקל

# שלום אַשס סטיל [1]

איך האָב אַ סך מאָל געהערט זאָגן, אַז אַש האָט נישט קיין סטיל. דער פֿאַרניינער פֿון אַשס סטיל איז מיר אויסגעקומען ווי יענער טוריסט, וואָס האָט פֿאַרמשפּט דעם באַרג, ווײַל עס זײַנען אים נישט געפֿעלן די שטעכלינקעס, וואָס וואַקסן אויף אים.

און שטעכלינקעס־ווערטער און זאַצן, וואָס בריִען מיט זייער קרומען סינטאַקס ווי מיט קראָפּיווע, זײַנען פֿאַראַן לרוב בײַ אַשן. אָבער זיי קענען נישט מינערן דאָס, וואָס הייסט סטיל בײַ אַ שרײַבער, פּונקט ווי די פֿאַרוואָרלאָזטקייט פֿונעם באַרג קאָן בײַ אונדז גאָר נישט צונעמען, נישט פֿון זײַן גרייס און נישט פֿון די האָריזאָנטן, וואָס עפֿענען זיך פֿאַר אונדז.

„נישט די ווערטער, נאָר דער באַלעבטער טאָן, די פֿלאַקערדיקע אויגן
פֿונעם יינגל האָבן דעם פֿאָטערס האַרץ צעטרייסלט".

[1] פֿון בוך שרײַבער פֿון מײַן דור, ניו־יאָרק 1958, זז' 377—382.



אַזוי דערציילט אונדז אַש וועגן דעם געזעגענונג־שמועס צווישן דעם לערער הורוויץ און זײַן יונגן זון דוד, איידער מען האָט אים, דודן, אַוועקגעפֿירט שיסן. און מיר דאַכט, אַז דער „באַלעבטער טאָן" און דער „פֿלאַקער פֿון די אויגן", וואָס נעבן זיי ווערן ווערטער גופֿא ערגעץ ווי אַ טפֿל, כאַראַקטעריזירן נישט בלויז די שפּראַך פֿון איינעם פֿון אַשס העלדן אין ראָמאַן וואַרשע, נאָר אויך שלום אַשס דערציילערישן סטיל בכלל.

עס איז שטענדיק דאָ אין אַשס סטיל עפּעס אַזוינס, וואָס דינאַמיזירט און צעטרייסלט דאָס געפֿיל בײַם לייענער. דער „עפּעס" בלײַבט אָפֿט שורות־ווײַז, זײַטנווײַז פֿאַרבאָרגן, ביז פּלוצעם גיט זיך אַ ריס־אויף אַ שפּראַכווענדונג, אַ מעטאַפֿאָר, אַ בילד, אַ רעפֿלעקסיע, און דער „עפּעס" גיט אַ בליק־אויף מיט ליכט און דער עיקר מיט עמאָציאָנירנדיקן פּאַטאָס. און דאָס אויסטערלישע דערבײַ איז, וואָס דער ניגון באַלאַנגט שוין איצט נישט בלויז צו די ווערטער און צו די שורות, ווו איר האָט אים אַרויסגעהערט. די מעלאָדיע שפּרייט זיך אויף צוריק און באַלעבט מיט איר פּאַטאָס אויך די פּאַראַגראַפֿן און זײַטלעך, וואָס האָבן צו אײַך פֿריִער נישט געלויכטן און נישט געזונגען. אמת איז — קיין ניסים געשעען נישט. דאָס שפּראַכלעך פֿאַרגרײַזטע און סינטאַקטיש אומבאַהאָלפֿענע און פֿאַרקרימטע, וואָס האָט דאָ און דאָרט אַזוי פֿיל מאָל געשטערט דעם קריטישן לייענער, גלײַכט זיך טאַקע נישט אויס, אָבער עס ווערט זײַטיק און אומוויכטיק. עס פֿאַרשווינדט אונטערן פּאַטאָס פֿון בילד און קלאַנג.

וואָס באַטײַט שוין די פֿלאָנטערניש פֿון אַזעלכע היפּשלעך אומבאַהאָלפֿענע זאַצן ווי —

„מען האָט געוווּסט אַז ער דאַרף איצט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש,
אַז באַלד וועט מיט אים געשען אַזעלכעס, וואָס וועט אַן ענדע מאַכן צו
אַלעם זעם, וואָס איז געווען ביז איצט, און עס וועט זיך אָנהייבן גאָר,
גאָר עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס אַנהייב, פֿון וועלכן ער דאַרף איצט קלערן,
צוגרייטן זיך, איז געווען ווי אַן אָנגענומער חוב, אַן וועלכן מען וויל
פֿאַרגעסן" —

וואָס מיט זיי פּרוּווט אונדז אַש איבערגעבן דוד הורוויצעס טראַכטענישן וועגן טויט אויפֿן קורצן וועג פֿון דער טורמע צום עקזעקוציע־פּלאַץ?

...אַש איז ווײַט, זייער ווײַט פֿון אַפֿאָריסטיק אין זײַן פּראָזע. נישטאָ בײַ אים דער ווילן געדאַנקלעך אָדער בילדעריש צוצושפּיצן זאַצן און ווערטער. ער איז בטבע שפּראַך־אומזאָרגעוודיק און עס פֿעלט אים לחלוטין די ווירטואָזי־טעט פֿון „טרייבערן דאָס שפּראַכפֿײַיש", וואָס ס'פֿאַרמאָגן, למשל, אַזעלכע מײַסטערס ווי אָפּאַטאָשו און שאַפּיראָ. מען האָט נישט דאָס געפֿיל, אַז אַש זאָל מיטגעבן זײַנע שפּראַך־ווענדונגען, זײַנע אידיאָמען און זײַנע סתם זאַצן,

צו פיל אינטעלעקטועלע באַוווּסטזיניקייט אין וועג אַרײַן. די איינציקע צדה לדרך, וואָס אַשס קאָמפּאָזיציע־עלעמענטן טראָגן שטענדיק אין זייער „טרייסטע", זײַנען דער פיל גערימטער ראָמאַנטישער חן און אַ גרויסע פּאָרציע פון לירישער וואַרעמקייט.

און פון דעסט וועגן זײַנען אָן אַ צאָל די זאַצן בײַ אַשן, וואָס הגם, דאַכט זיך, כלאַחר־יד אַרײַנגעשיקט אין קאָנטעקסט פון דער דערציילונג, שפּרינגען זיי דעם לייענער אין געמיט אַרײַן מיט עפּעס אַ באַזונדערן כוח פון דראַמאַטישער רעזומאַטיווקייט. עס זײַנען זאַצן אָן שום אויסערלעך סטיליסטישן גלאַנץ, אָבער אינערלעך פאַרמאָגן זיי די מוזיקאַלישע קאָנצענטרירטקייט פון אַ ביבלישן סוף פּסוק.

ווען אַש דערציילט אונדז, ווי זלאַטקע די רויטע, וואָס איז געווען מעוברת מיט מאָטקע גנב, האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַן אַם בײַ דער זשאַכלינערין און —

„נאָך יענעם טאָג האָט זלאַטקע גענומען האַנט־געלט אויף דער מילך,
מיט וועלכער די נאַטור האָט זי באַשאַנקען פאַר איר קינד" —

ווייעט אויף אײַך אָן דער דאָזיקער זאַץ עפּעס פון דער אמת־מאָנומענטאַלישקייט פון די חומש־דערציילונגען און גראָבט זיך אין אײַך אײַן מיט דער צודרינגלעכקייט פון אַ מוזיקאַלישן לייטמאָטיוו, וואָס איר קענט אײַך פון אים נישט באַפרײַען. ווי דער טאָן פון אַלע קלאַסישע און ביבלישע פּסוקים, אָטעמט אויך דער טאָן פון דעם נאָר וואָס ציטירטן זאַץ מיט עפּישער רחבות און פאַרמאָגט טראַגישע קוואַליטעט. שוין דער קאַדאַנס פונעם זאַץ, זײַן „מהפך פּשטא"־טענאָר רעזומירט טראַגישן קאָנפליקט, איז טראַגעדיע־אָנזאָגעריש. און פאַר אַזאַ זאַץ פון טראַגישער אָנגעשפּיצטקייט און פון ביבלישער מוזיק איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס עס גייט אין אים פאַרלוירן אָדער עס ווערט אין אים, לכל הפחות, נישט גענוג שאַרף דערפילט דער מאָראַליש־שטראָפערישער עוקץ פון די ווערטער און פון דעם בילד. ווי אין דער חומש־לופט ווערט אויך דאָ דאָס צײַטלעך־סאָציאַלע פאַרטויבט דורך דעם העכערן ניגון פון טראַגיק.

און אַ שײַכות מיט תנכישקייט האָט אַשס סטיל נישט בלויז מיט דעם, וואָס ער דערמאָנט שוין ריין דרויסנדיק אין דער ביבלס דערציילערישער רחבות, אין דער דעקלאַמאַטאָרישקייט פון דער ביבלשפּראַך און אין איר טעאַטראַלישן דיאַלאָג, און נישט בלויז מיט דעם נאָר וואָס דערמאָנטן ביבלישן רעזומיר־כוח פון די זאַצן, נאָר אויך מיט דעם, וואָס אַשס סטיל פאַרמאָגט, ווי איך גלייב, די אָרגאַנישע טענדענץ פונעם תנכישן דערציילער אַרויסצופירן זײַנע ווערטער און בילדער וואָס גיכער פון שאָטן צו ליכט, פון זעלישן קלעם אויף די העלע פעלדער פון בטחון און נס.

אַשס אַ בילד פאַרחלומט זיך אָפּט מיט רעאַליסטישע פּרטים — אַ מאָל



מיט היפּשלעך פאַרבלאָזע העטאַלן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַן אַנדערש מאָל מיט פאַרביקע שטיקלעך פון שטייגערישן דיאַלאָג — און נישט איין מאָל דערחלומט זיך אַשס בילד צו טערפּקער אַנטוישונג און צו בלינדער אויסגאַנגלאָזיקייט. אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט יאַוועט זיך ריין סטיליסטיש אַ הייליק שנײַדערל און אַשס העלד אין איינעם מיט אַשס שפּראַך פון העלד־געשטאַלטיקונג קאָנען זיך אויפכאַפּן פון זייער טרוים מיט אַ לײַכט געמיט. דאָס הייליקע שנײַדערל וואַכט איבער דער „העפּי ענד" פון דעם חלום. און דאָס הייליקע שנײַדערל פון קידוש השם קען אין דעם חלום זײַן אַ פּראָסטער שטומער שכּוב־חפץ און אין יענעם — גאָט, ברוך הוא, אַליין.

אַנשל בעל־קורא, פון אַשס ראָמאַן די מוטער, פאָרט קיין אַמעריקע. און נישט גלאַט ער פאָרט, נאָר ער פאָרט אין טראַנס פון אַ באַזונדער מין אויפגעריכטקייט, וואָס דער גורל האָט אים, נאָר אים, באַשערט. אָבער אויף דער שיף האָט אַנשל דערזען, אַז ער האַלט אין פאַרלירן זײַן אײַנגערעדטע אויסנעמלעכקייט. ער איז געוואָרן אויס מיוחס, וואָרעם יעדער איז געפאָרן צו „עמעצן" און „יעדער האָט געהאַלטן אַמעריקע פאַר זײַן אַמעריקע". עס שטעלן זיך אויס איינער נעבן אַנדערן פאַרשווינען מיט קרובים און אַפילו מיט זין אין נײַעם לאַנד, און אָט־אָט צעקוועטשן זיי אַנשלס לאַנגן און מיט אַזוי פיל האַרץ געכאָוועטן חלום וועגן זײַן זונס פּאַלאַצן. עס רוקט זיך טונקלקייט אויף אַנשלס חלום, אָבער אין דער לעצטער מינוט קומט־אויף אַ העלער פלעק, וואָס פירט־אַרויס פון זעלישן קלעם. עס קומט צום וואָרט דאָס שוסטערל און ער —

„...האָט אין אַמעריקע אַן אייגענעם, וואָס איז רײַכער פאַר אַלע
זין מיט אַלע ברידער און פעטערס, און דאָס איז דער רבונו של עולם,
וואָס געפינט זיך אין יעדן לאַנד".

דער פּלוצעם אויפגעלויכטענער פאַקט פונעם רבונו של עולמס עקסיסטענץ „אין יעדן לאַנד" צעשטויבט די גרויקייט פון אַנטוישונג און דער חלום קאָן זיך פאַרענדיקן העל — תנכיש.

און אויך אַן אַנדערש מאָל, אין דעם זעלביקן ראָמאַן די מוטער, ווען אַשס אַ בילד צעחלומט זיך מיט פאַרביקן שטייגער־דיאַלאָג צווישן אַנשל בעל־קורא און זײַן ווײַב שרה־רבקה וועגן אַ ציג אויף פרישער מילך און וועגן „העכטן אויף צו שעכטן, צו קאָכן אָדער צו בראָטן" אויף וועטשערע, און עס איז פאַראַן די סכנה, אַז דער טרוים זאָל זיך ענדיקן מיט אַ רעאַליסטישן סקאַנדאַל, יאַוועט זיך אַ הייליק שנײַדערל און ראַטעוועט דעם חלום.

דער טרוים האַלט בײַם צו נישט ווערן דורך דעם זון, דעם קאַמאַשניק, וואָס זאַמלט געלט אויף אַ שיפסקאַרטע און גיט דערפאַר שווער אַרויס אַ גראָשן פון קעשענע. דאָס הייליקע שנײַדערל ווערן אין אָט דעם קריטישן

מאמענט דער מאמעס שוואַרץ פאַרסאַזשעוועטע טעפּ, און זיי באַווייזן עס דעם נס פון נישט לאָזן פאַרזינקען דאָס חלום־בילד אין קאָשמאַרישקייט.

דאָס געזאַנג צו דער „מאַמעס טעפּ" וועל איך עפּעס לענגער ציטירן וואָרעם איך וויל, עס זאָל מיר העלפן עדות זאָגן אויף אַשס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, דאַכט זיך, נישט איבערגעטראָפענער מייסטערשאַפט צו פּאָעטיזירן די מאַטעריע.

פעמיניגע סטיל־עלעמענטן זיינען אין אַשס סטיל זיכער פאַראַן. זיי קומען צום אויסדרוק אין דער מעלאָדראַמאַטישקייט פון נישט איין ראָמאַן־קאַפּיטל און אין דעקאָראַטיווע און צו מאָל סענטימענטאַלע דעטאַלן פון זיין בילדערישקייט. אָבער דווקא די מאַטעריע־פּאָעטיזירונג איז ביי אַשן פריי פון יעדער שפּור פון ווייבערישקייט. עס קלינגט נישט אָפּ אין אַשס ליבגעזאַנגען צו דער מאַטעריע קיין איין תחינה־טאָן, נייערט עס הערט זיך פון זיי אַלע מאָל אַרויס אַ טיף ברוסטיק געזאַנג פון ברכי נפשי.

צי אַש נעמט זיך באַשרייבן די מוטער שרה־רבקהס „ערדישע, שוואַרץ־פאַר־סאַזשעוועטע, אין פייער אויסגעקאָכטע טעפּ", וואָס זיינען „געווען אַנדערש ווי אַלע טעפּ"; צי ווען ער שילדערט די סצענע פון מאָטקע גנב מיט דער זשאַכלי־נערינס אייניקל חנהלע, אָדער גאָר ווען ער דערציילט אונדז וועגן דער פרילינג־נאַכט, ווען דער זעלביקער מאָטקע האָט זיך מתוודה געווען פאַר זיין כלה, מלך קאָפּע־מאַכערס טאָכטער — אַלע מאָל איז דאָרט פאַראַן דער ריטעם פון ליבגעזאַנג, אַלע מאָל ווערט די באַשרייבונג פאַרוואַנדלט אין אַ מזמור.

דער „מזמור־לטעפּ" —

„עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַרמאָגן שוין גאָר נישט אויף זייער באָדן און אין זייערע ראַנדן — האָט דאָך די מאַמע געקאָנט אַרויסקריגן פון זיי אַן אוונט־עסן. די מאַמע האָט געקענט „מעלקן" אירע טעפּ, אַזוי ווי מען מעלקט, להבדיל, אייטערס פון אַ קו. קיין מאָל האָבן איר די טעפּ נישט אָפּגעזאָגט, זי האָט זיי געגעבן וואַסער — און די טעפּ האָבן איר צוריקגעגעבן זופּ, נעכטיקן באָרשטש; געזאָטן וואַסער — און זיי האָבן איר צוריקגעגעבן מאכלים מעדני מלכים. איין סגולה האָט די מאַמע געהאַט צו די טעפּ — אַ קרעכץ. אַזוי ווי די טעפּ האָבן נאָר געהערט די מאַמע קרעכצן, איז עס געווען ווי די מאַמע וואָלט איבער זיי אַ געהיימען שפּרוך געזאָגט, מיט וועלכן זי האָט באַשוואָרן די טעפּ אַרויס־צוגעבן פון זיך דאָס ביסל בידנע חיונה, וואָס זי האָט געדאַרפט מפרנס צו זיין אירע נפשות."

די באַשרייבונג איז דאָ געמאַכט ווי אין מענדעלעס נוסח. אַשס סטיל איז בלויז אין געזאַנג, וואָס שוועבט איבער די פרעמדע ווערטער. עס קומט־אויס,



גלייך אַש זאָל האָבן געשריבן מוזיק צו מענדעלעס אַ טעקסט און מיט דעם געוויזן דעם חילוק צווישן באַשרייבערישן נוסח, וואָס דאַרף זיין אַלעמענס, און אַשס מזמור אין פּראָזע, וואָס קאָן נאָר זיין אַשס אייגענער סטיל. אויב עס איז טאַקע גערעכט בעל־מחשבות מיט דעם, וואָס ער פאַררעכנט אַשן פאַר מענדעלעס אַ ליטעראַריש אייניקל, באַשטייט די קרובישאַפט צווישן זיי דער עיקרשט אין דעם, וואָס אַש האָט דעם זיידנס קולטור־היסטאָרישע באַשריי־בונגען פאַרטאָגט, זיי פאַרוואַנדלט אין ברויזנדיקע אַז ישיר־אָדעס.

קיין מאָל, דאַכט זיך מיר, ביז צו אַשן האָט מען אויף פּראָזע־ייִדיש אַזוי ניט געזונגען. און איך בין ניט זיכער, צי איך וועל טאַקע באַגיין אַ זינד פון גוזמא אויב איך וועל זאָגן, אַז מען מוז אויך אין העברעיש, וואָס שייך געזאַנג אין פּראָזע, צוריקגיין אין דעם פרט ווייט־ווייט ביז צו די גאָר אַלטע צייטן. ווי אין יענע גרויסע שריפטן אונדזערע פון די אַלטע צייטן, איז אַשס טבע זיך אָפּצורוען צווישן דערציילערישקייט און פון דערציילערישקייט מיט אַזאַ מין פּראָזעליד ווי דער מזמור צו שרה־רבקהס פאַרזשאַווערטע טעפּ — דעם סימבאָל פון אָרעמשאַפט און פון העלדישן קאַמף מיט איר.

1945

# י. ראַפּאַפּאָרט

## שלום אַש און זיין שטעלונג צו ייִדיש [1]

...די פיר זיילן פון אונדזער נייַ־ייִדישער ליטעראַטור — מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם און אַש — טיילן זיך אויף צוויי סימעטרישע גרופּעס: פון איין זייט שטייען די רעאַליסטן — מענדעלע און שלום עליכם, פון דער צווייטער זייט — די ראָמאַנטיקערס: פּרץ און אַש. ווי אַנדערשדיק עס זאָל נישט זיין מענדעלעס סאַרקאַסטישער רעאַליזם פון שלום עליכמס ליריש ווייכן און גראָ־טעסק הומאָריסטישן, איז אָבער נישטאָ צווישן זיי אַזאַ תוך־אונטערשייד ווי צווישן פּרצעס און אַשס ראָמאַנטיק.

פּרץ האָט זיך דערגראָבן אין זיין ראָמאַנטיק צו דער נשמה פונעם עבר און האָט באַפרייט די דינאַמישע גייסטיקע קראַפט, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן

[1] פון צווישן יאָ און ניין!, וואַרשע 1937, זז' 138—141.